# זקניך ויאמרו לך

ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א • פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת | גליון ע״ג – פר׳ תזריע–טהרה תשס״ט לפ״ק | כיתה ח׳ ט׳


## שטייענדיג אין די טעג פארן יום המר והנמהר ה׳ אייר, וועלן מיר מקדים זיין די מעשיות וואס האבן שייכות מיט די מלחמה וואס צדיקים האבן לוחם געווען קעגן די קליפה הציונית, און זייער השקפה איבער די מדינה הטמאה

תשנב) עס דערציילט מיין זיידע

### הרה״ח ר׳ ירמי׳ קאהן הי״ו

ווען איך בין געווען א בחור איז מיר אמאל אויסגעקומען צו זיין אין שטוב פון הייליגן רבי׳ן זי״ע (בעל דבר״י) דער רבי האט נאך דעמאלטס געהאלטן אינדערפרי פארן דאווענען שחרית, און זיין תלמיד כ״ק אדמו״ר מתולדות אהרן זצ״ל איז געווען ביי איהם אין שטוב און זיי האבן געשמועסט.

האב איך געהערט ווי דער רבי זאגט אים כהאי לישנא ״אז א איד מאכט קידוש דארט (אין ארץ ישראל) שטיצט ער זיי (די ציונים, ווייל זיי מאכן געלט אויף די שטייערן פון יעדע זאך וואס מ׳קויפט דארט), ווען א איד גייט דארט אין מקוה שטיצט ער זיי...״

האט זיך דער תולדות אהרן רבי אנגערופן ״אונזער מקוה האבן אונזערע אידן געבויעט״.

האט דער רבי געזאגט ״אבער ווי אזויווארעמט מען די מקוה, (ד.ה. אז מ׳מוז קויפן אויל אדער געז צום הייצן וואס אויף דעם צאלט מען אויך שטייערן פאר די מדינה). האט דער תולדות אהרן רבי גארנישט געענטפערט.

האט דער רבי ווייטער געזאגט ״איך האב דאס געשריבן אין ויואל משה, אבער דארט קען מען דאך נישט אנדערש, האב איך דאס אויסגעשטראכן״. עכלה״ק. (עי׳ ספה״ק ויואל משה מאמר ב׳ סי׳ קנ״ג)

פון דעם זעהן מיר דאס חשיבות זיך צוריק צו האלטן פון צו קויפן סיי וועלכע זאך עס קומט פון די טמא׳נע מדינה, וואס דורכדעם האט מען נישט קיין שום טייל אין זיי שטיצן. (אהרן עוזר קאהן)

תשנג) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה״ח ר׳ דוד עקשטיין הי״ו ראה״ק דקהלתינו

זיין טאטע הגה״צ ר׳ קלונימוס אליעזר עקשטיין זצ״ל אב״ד בונאס איירעס, איז פאר דעם געווען רב אין א דערפל אין ארץ ישראל מיטן נאמען ׳יעזור׳.

אלע זיינע שאלות און יעדן ענין בעניני הדת וואס עס האט זיך אים געמאכט אין יענעם דארף פלעגט ער פרעגן דעם חזון איש זצ״ל.

צווישן די שאלות וואס ער האט געפרעגט דעם חזון איש איז געווען ווען עס האט זיך דערנענטערט ה׳ אייר תש״ט, דער ערשטער יארטאג פון ווען די ציונים ימ״ש האבן פראקלאמירט זייער ציוני׳סטישע מדינה של גהנם, און זיי האבן ערקלערט זייער געמיינע חאגע דאס צו פראווען מיטן זאגן הלל און דאס מאכן פאר א יו״ט.

דארט אין יעזור זענען געווען א צאל אידן וואס זענען געווען פארדרייט נאך די ציוני׳סטישע פראפעגאנדע, און זיי האבן ארגעניזירט א מנין צו דאווענען דעם טאג מיטן יו״ט׳דיגן נוסח און זאגן הלל. און צו פראווען דעם טאג ווי א יו״ט, ר״ל.

דער זיידע איז געווען נבוך, און ער האט נישט געוואוסט וואס ער דארף צו טון, און ווי אזוי ער זאל רעאגירן. צי איז ער מחויב זיך אריינצולייגן בעובי הקורה און לוחם זיין דערקעגן דאס צו שטערן, אדער אפשר מיט דעם וואס ער גייט נישט און ער אליין האט נישט קיין חלק דערין איז ער יוצא ידי חובתו, מילא קלערט אפשר צו פארן אין דעם טאג קיין ירושלים.

ווען ער איז אריינגעקומען צום חזון איש, האט ער זיך אויסגעדרוקט ״איך ווייס נישט וואס צו טון מיט דעם יום טוב״.

האט זיך דער חזון איש אנגערופן און געזאגט ״יום טוב? מ׳דארף נוהג זיין אבילות, פריקה ומרידה במלכות שמים, ווי קען מען זאגן אזא זאך״.

דער חזון איש האט אים געזאגט ״זיך באהאלטן אדער אנטלויפן איז נישט קיין עצה, זאגן די דרשה (כמנהגם), חס ושלום! מ׳האט ווען געדארפט האלטן אבילות, זיי זענען מורד במלכות שמים״.

דער חזו״א האט גע׳פסק׳עט אז ער איז נישט יוצא מיט דעם וואס ער גייט אוועק, נאר ער זאל בלייבן אין בית המדרש, און אז דער חזן וועט צו גיין צו הלל איז ער מחויב אים אוועק צו שיקן און נישט לאזן זאגן הלל.

ווען דער זיידע איז אהיימגעקומען האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט א דרשה ארויסברענגנדיג וויפיל צרות דאס ציונית האט שוין געברענגט אויף כלל ישראל, ער האט געזאגט די דרשה מיט בכיות עס איז געווארן א גרויס התעוררות אין בית המדרש.

ביז ווען איין חצוף האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן צו שרייען ״וואס איז היינט תשעה באב אדער יום העצמאות?! היינט וויינט מען אדער מ׳פריידט זיך?!״. עס איז געווארן א איבערקערעניש אין ביהמ״ד ווען טייל עולם האט זיך אנגענומען פארן זיידן, און טייל עולם פאר די ציונים. און דער זיידע האט באלד אפגעטראגן פון ארט שפירנדיג אז ער האט יוצא געווען חובת מחאה. (יואל יושע ווערצבערגער, משה יואל עקשטיין, קלונימוס אליעזר בנעט, קלמן אליעזר ווערצבערגער, אהרן זילבערשטיין, יעקב זילבערשטיין)

תשנד) עס דערציילט מיין זיידע

### הרה״ח ר׳ משה הערש קליין הי״ו

דער רבי זי״ע בעל דברי יואל האט געוואוינט אויף בעדפארד עוו. ביי קליימער סט. קעגן איבער זיין הויז איז געווען א שוהל וואס מ׳האט גערופן ׳די רויטע קליימער סט. שוהל׳, וואס האט באלאנגט פאר די אגודה. זיי האבן געהאט א סימבאל מיט די ווערטער ׳מסורת אבותינו בידינו׳.

דער רבי פלעגט זיך אנרופן אויף דעם מיט א ווערטל ״וועלכע מסורת אבותינו האבן זיי? די מסורה פון ׳מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו...״ (יודא קליין)

תשנה) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

### הרה״ח ר׳ יקותיאל הערש הלוי ווערצבערגער שליט״א

מיר האבן געוואוינט אין קראלי בשעת ווען דער רבי בעל דברי יואל זי״ע איז דארט געווען רב. אין יענע יארן האבן זיך די ציוני׳סטישע פארטייען פרובירט אריינצוכאפן אין אלע שטעט און שטעטלעך אין אייראפע, און דער רבי האט געפירט א שטארקע מלחמה זיי צו דערווייטערן און עוקר זיין מן השורש.

איך געדענק ווען עס האט זיך געמאכט אין קראלי א בית המדרש עץ חיים, זיי האבן געגעבן אן עלי׳ פאר איינעם וואס איז געפארן קיין ארץ ישראל, יענער איז געווען א גרויסער ציוני׳סט און יענער האט באקומען אן עלי׳, דער רבי האט געהאלטן אינמיטן פירן טיש שבת בייטאג, אינמיטן איז מען געקומען פארן רבי׳ן דערציילן אז מ׳האט יענעם געגעבן אן עלי׳, דער רבי האט זיך אויפגעהויבן אינמיטן טיש, ער האט א נעם געגעבן די רעזשוואלקע און ער איז געגאנגען.

יעדער איז אים דאן נאכגעלאפן, דער רבי איז אהינגעגאנגען אין יענעם ביהמ״ד.

דער דיין פון די שטאט האט דארט געדאווענט, און ער האט דארט פארגעלערנט א שיעור, ער האט געהייסן ר' יחיאל, דער רבי איז אריינגעקומען אין בית המדרש און ער האט אויסגערופן "יעדער זאל שוין ארויסגיין פון בית המדרש".

און ער האט געהייסן רופן דעם משמש פון שוהל און ער האט איהם געבעטן דעם שליסל פון ביהמ"ד, און דער רבי האט געגעבן קנס אז דאס ביהמ"ד איז געווען צוגעשפארט פאר א וואך ווייל מען האט אין איר געגעבן אן עלי' פאר א ציוני'סט...

אויך איז געווען אין קראלי האט זיך געמאכט א חבורה, זיי האבן זיך נישט געגעבן אן אפענעם נאמען אז מ'זאל קענען וויסן ווער זיי זענען, אבער מ'האט געוואוסט ווער זיי זענען, דער רבי האט געהייסן א גוי זאל אהינגיין שבת און אוועקטראגן די ספר תורה כדי זיי זאלן נישט האבן קיין ביהמ"ד.

דער רבי האט דעמאלטס געזאגט ביי א דרשה נאך די מעשה "איך האב מברר געווען ווער עס האט א קינד וואס פאלט אריין אין אזא חברותא איז מחויב צו זיצן שבעה, קל וחומר מן השמד, אויב א קינד שמד'ט זיך שטייט מ'זאל זיצן שבעה, איז מינות נישט ווייניגער, ס'איז נאך ארגער".

עס זענען געווען ערליכע משפחות אין קראלי וואוילע אידן און זייערע קינדער זענען נעבעך פארפארן. דער רבי האט דעמאלטס געזאגט די גמרא סוף סוכה, וואס דערציילט ווי בילגה האט זיך גע'שמד'ט, האט מען נאכנישט געטון פאר די משפחה, נאר איר האט מען ארויסגעווארפן, אבער איינמאל זי איז געקומען אויפן מזבח און געשריגן "עד מתי אתה מחלל ממונן של ישראל", האט דער רבי געזאגט "אזוי?! דו גייסט זיך נאך אננעמען פארן כלל ישראל?!" האט מען איר ארויסגעווארפן איר מיט די גאנצע משפחה. "ארויס מיט דיר און די גאנצע משפחה!" האט דער רבי געשריגן...

"אזוי אויך די רשעים, ווילאנג זיי זענען רשעים פאר זיך זאלן זיי גיין צו אלע שווארצע יאר, אבער אז זיי זאגן אז זיי נעמען זיך אן פאר כלל ישראל, דאן דארף מען זיי מרחק זיין און זיך אפטיילן פון זיי גאר שטארק". די דרשה געדענק איך גוט פון קראלי. (חיים אברהם ווערצבערגער, יואל יושע ווערצבערגער, משה עזריאל שווארץ, אברהם מרדכי גרינפעלד, משה יוסף בערקאוויטש)

## תשנו) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

אמאל איז א אינגערמאן אריינגעקומען צום רבי'ן הברך משה זצ"ל און ער האט זיך מזכיר געווען אין א קוויטל פאר הצלחה אין אלע ענינים, און באזונדער אין יראת שמים. נאכדעם וואס דער רבי האט אים אנגעוואונטשן ברכות לרוב, האט דער אינגערמאן געפרעגט צי ער קען בעטן פונעם רבי'ן אז ער זאל אים זאגן אין וועלכן ספר ער זאל זיך קובע זיין א שיעור בקביעות יעדן טאג אז דאס זאל אים זיין א חיזוק פאר יראת שמים און עבודת ה'.

דער רבי האט אים מתחילה געווינקען מיט די האנט אז עס איז שווער צו ענטפערן אזא שאלה, אבער נאכדעם וואס דער אינגערמאן האט נאכאמאל געבעטן אז דער רבי זאל אים ענטפערן, האט אים דער רבי אנגעקוקט און געזאגט "דו זאלסט דורכלערנען בקביעות יעדע וואך חומש רש"י אויף די סדרה", דער אינגערמאן איז געבליבן שטיין פארוואונדערט הערנדיג די ווערטער, ווייל ער האט געטראכט אז דער רבי וועט אים אנווייזן איינע פון די בארימטע ספרי מוסר וחסידות, אבער דער רבי זאגט אים ווייטער "יא יא, חומש רש"י בקביעות יעדע וואך", און דער רבי האט צוגעגעבן "עס איז א וואויל ספר".

ווען דער אינגערמאן איז ארויסגעגאנגען האט דער רבי געזאגט "עס איז ידוע די עבודה וואס דער פעטער (רביה"ק בעל דברי יואל) ז"ל האט געהאט מיטן לערנען חומש רש"י בקביעות און בעיון אלע יארן, אויך אויף די עלטערע יארן, עס איז אויך ידוע וואס רבי מרדכי'לע נאדבורנער זי"ע האט אים געזאגט דערוועגן אלס קינד אין סיגעט, אויסער דעם שטייט עס אין שולחן ערוך (שו"ע או"ח סי' רפ"ה בחיוב להעביר הסדרה שנים מקרא וא' תרגום, כ' המחבר ז"ל בזה"ל וירא שמים יקרא תרגום וגם פירוש רש"י) (משה יוסף הכהן פריעדמאן)

## תשנז) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ג ר' חיים לייב זילבערשטיין שליט"א

איינמאל חול המועד פסח איז כ"ק אדמור מראחמיסטריווקא שליט"א געקומען באזוכן דעם רבי'ן הברך משה זי"ע, און ער האט געשמועסט מיטן רבי'ן האט ער געזאגט א דבר תורה "כ'האב אמאל געהערט פונעם רבי'ן א טייטש, און כ'האב דערויף מוסיף געווען..." און דער ראחמיסטריווקער רבי האט איבערגעזאגט די תורה וואס דער רבי האט אים אמאל געזאגט און וואס ער האט צוגעלייגט דערויף.

ווען ער האט געענדיגט זאגן דעם טייטש רופט זיך דער רבי אן "ווען זענט איר געוועןביים פעטער?".

זאגט דער ראחמיסטריווקער רבי "איך האב געהערט דאס ווארט פונעם רבי'ן...", פרעגט דער רבי "יא יא, דאס פרעג איך ווען זענט איר געווען ביים רבי'ן?". אזוי איז דאס געגאנגען א היבשע צייט ביז ווען דער רבי האט געכאפט אז ווען ער האט געזאגט 'רבי' האט ער געמיינט אים אליין...

ארויסגייענדיג רופט זיך אן דער ראחמיסטריווקער רבי צו זיין גבאי'ן "א פלא, ער איז שוין אזויפיל יאר רבי, און עס פאלט אים נישט ביי אז ווען מ'זאגט אים 'רבי' אז ס'מיינט אים אליין". (יוסף מרדכי זילבערשטיין, יעקב זילבערשטיין)

## תשנח) עס דערציילט אונזער טאטע
## הרה"ח ר' יצחק יעקב כ"ץ הי"ו

זומער תשס"ב לפ"ק איז ער אריין זיך געזעגענען ביים רבי'ן מרן הברך משה זצ"ל, מיר זענען דעמאלטס געווען פינף קינדער בליעה"ר אין די משפחה, דאס עלטסטע א מיידל, נאכדעם דריי אינגלעך, און דערנאך א קליין מיידל פון פיר חדשים.

ווען מיין טאטע האט געשריבן דאס קוויטל האט ער פארגעסן אריינצושרייבן דעם נאמען פון די יונגסטע טאכטער, און ער האט נאר געשריבן פיר נעמען.

בשעת ווען דער רבי האט געליינט דאס קוויטל האט ער געפרעגט "האסט נאר א בת יחידה?", מיין טאטע האט זיך צוליב פחד און יראת הכבוד נישט געכאפט, און ער האט געזאגט "יא", דער רבי האט אבער איבערגעפרעגט איינמאל און נאכאמאל "האסט נאר איין בת יחידה", און מיין טאטע האט געזאגט אז יא, ביז ווען דער רבי האט געגעבן די האנט און אנגעוואונטשן.

ארויסגייענדיג און איבערטראכטנדיג וואס דער רבי האט אזויפיל מאל איבערגעפרעגט, האט ער זיך געכאפט וואס דא האט פאסירט אז ער האט נישט אריינגעשריבן דאס נאמען פון די צווייטע טאכטער. און דער רבי האט דאס מרגיש געווען, און וועגן דעם האט ער אזויפיל מאל איבערגעפרעגט.

ער איז צוריק געגאנגען צום קוויטל שרייבער און איבערגעשריבן א קוויטל מיטן נאמען פון דאס קינד, און איז נאכאמאל אריין צום רבי'ן, דער רבי האט גענומען דאס קוויטל און באלד ווארעם אנגעוואונטשן און גארנישט רעאגירט דערויף. זי"ע (יואל, יוסף כ"ץ)

## תשנט) עס דערציילט מיין באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' חיים משה לאנדא ע"ה

לרגל די הילולא פון הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע קומענדיגן זונטאג הבעל"ט.

איר פאטער איז געווען הרה"ח ר' יונה פריעדמאן ז"ל, ביי די ערשטע וועלט מלחמה האט ער געדארפט איינרוקן אין מיליטער, און ווי אנדערע ערליכע בחורים האט ער זיך אויסבאהאלטן ווייל דאס גיין דינען אין מיליטער איז נישט געווען אויסגעהאלטן און עס איז געווען פארבינדן מיט שווערע נסיונות אין אידישקייט.

ער איז געווען אין קערעסטיר, און ער האט זיך אויסבאהאלטן אין שטוב פון רבי ישעי'לע זצוק"ל.

איינמאל בשעת ווען רבי ישעי'לע האלט אינמיטן דאווענען קומט אריין דער הויפט פון די מיליטער, און ער זעהט ווי רבי ישעי'לע זיצט אויפן בענקל אינגאנצן איבערגעדעקט מיטן טלית, ער האט נישט פארשטאנען וואס דאס איז, ער האט זיכער געמיינט אז א בחור באהאלט זיך אויס פון אים אונטערן טלית... האט ער דערלאנגט א זעץ פאר רבי ישעי'לע מיט זיין פויסט. ווען ער האט קיינעם נישט געטראפן איז ער אוועקגעגאנגען.

עס נעמט נישט לאנג און עס קומט אריבער א דעלעגאציע פון מיליטערלייט צו רבי ישעי'לע, און זיי בעטן אים אז ער זאל מוחל זיין פאר זייער הויפט, ווייל זייט ער איז אהיימגעקומען האט ער נישט קיין מנוחה, ער האט שרעקליכע יסורים אויף זיין האנט, און ער זאגט אז עס איז געקומען ווייל ער האט געשלאגן רבי ישעי'לע.

ר' ישעי'לע האט פארלאנגט אז ער זאל צוזאגן אז ער וועט מער נישט הייבן קיין האנט אויף קיין איד, און דאן האט ער אים מוחל געווען און די יסורים האבן זיך אפגעטון פון אים. זי"ע. (יונה לאנדא)